בעזהשי"ת

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

קרית יואל - בני ברק

# פניני השבוע

## פ' ראה

**כיתה ב' (א-ב)**

**הר"ר מאיר חיים שישא הי"ו**

**הר"ר משה ברוך כץ הי"ו**

# לכבוד די חשוב'ע עלטערן שיחיו

## די וואך האבן מיר געלערנט

**חומש:** די ערשטע 11 פסוקים פון אנהייב פרשה

**חומר שבועי:** די אינהאלט פון די וואך איז בייגעלייגט אין דעם גליון.

**מושגים:** מיר האבן ארומגערעדט: וואס מיינט א הלוואה? און וואס בארגט מען?,
ויך האבן מיר גערעדט פון עליה לרגל, סימני טהרה ביי פיש און ביי בהמות.
מיר האבן מסביר געווען וואס איז א בהמה און וואס איז א חיה.

**הלכה:** מיר האבן ווייטער ממשיך געווען די ל"ט מלאכות, המפשיט מיט המעבד.

**קריאה:** מיר האבן געליינט מיט די קינדער "ויתן לך" וואס מ'זאגט מוצאי שבת.

**שירים:** מיר האבן געזונגען מיט די קינדער "המבדיל" וואס מ'זינגט מוצאי שבת.

**סיפורים:** מיר שיקן א "דף לקריאה" א מעשה, די קינדער זאלן עס ליינען במשך'ן שבת.

**מיוחד להשבוע:** נישט פארגעסן צוריק צו ברענגען זונטיג די "מעשה ביכל".

א גוט שבת

**המלמד**

# אינהאלט פון די וואך

**ראה אנכי נותן לפניכם היום ברכה וקללה**

מיר האבן מסביר געווען אז נאך וואס עס שטייט די שכר פון די מצוות פאריגע וואך "והיה אם שמוע תשמעו אל מצוותי", זאגט דער אייבישטער אין די פרשה פון די וואך "ראה אנכי נותן לפניכם היום ברכה וקללה, את הברכה אשר תשמעו... והקללה אם לא תשמעו...", די ברכה האט מען געגעבן אויפן בארג "גריזים", און די קללה אויף בארג "עיבל".

משה רבינו האט גע'מוסר'ט די אידן אז זיי זאלן האבן יראת שמים, און זיי זאלן מחנך זיין זייערע קינדער אויף די גוטע וועג, און די לוויים האבן געזאגט די ברכות אקעגן דעם בארג גריזים, און נאכדעם האבן זיי אויסגעדרייט זייער פנים אקעגן דעם בארג "עיבל" און זיי האבן געזאגט די קללות.

**כיבוש וחלוקת הארץ**

מיר האבן פארציילט אז נאר נאך 14 יאר פון ווען מ'איז אריינגעקומען האבן די אידן זיך באזעצט אין ארץ ישראל, די ערשטע 7 יאר האט מען איינגענומען דאס לאנד, און נאכדעם נאך 7 יאר האט מען צוטיילט ארץ ישראל פאר אלע שבטים.

**בניית בית המקדש**

אויך האבן מיר פארציילט אז די בית המקדש איז געווען געבויעט אויף די חלק פון שבט בנימין, וויבאלד ער האט זיך נישט געבוקט פאר עשו - ווען ער איז געקומען אקעגן יעקב אבינו מיט 400 מענטשן - ווייל ער איז נאך געווען קליין.

**אבד תאבדון את כל המקומות**

מיר האבן ערקלערט וואס מיינט א עיר הנידחת, אז א גאנצע שטאט דינט עבודה זרה, דארף מען הרג'ענען אלע מענטשן פון די שטאט, און מ'טאר קיינמאל נישט בויען אויף די פלאץ א שטאט.

**תרומה ומעשר**

מיר האבן מסביר געווען די מצוות "תרומה" ו"מעשר", תרומה געבט מען פאר'ן כהן, און מעשר דארף אראפ נעמען פון יעדע זאך א צענטל און עס געבן פאר'ן לוי.

און "מעשר שני" דארף מען טראגן קיין ירושלים און מ'עסט עס דארט, און אויב ס'איז דא אסאך פירות און ס'איז שווער צו שלעפן ביז ירושלים, דעמאלטס פארקויפט מען די פירות און מ'ברענגט די געלט קיין ירושלים און מיט דעם קויפט מען בהמות און מ'איז עס מקריב אין בית המקדש.

**סימני טומאה וטהרה בדגים ובבהמות**

מיר האבן ערקלערט וואס זענען די סימנים פון טהור'ע פיש: אויב האבן זיי א סנפיר וקשקשת דעמאלטס איז עס טהור און מ'מעג עס עסן.

די סימנים ביי א בהמה איז "מפרסת פרסה" דאס מיינט אז די פוס איז צושפאלטן, און "מעלה גרה" אז ס'ברענגט ארויף די עסן וואס זי עסן און זי צוקייט עס גוט.

**מצות הלוואה**

עס איז א מצוה צו בארגן געלט און אנדערע זאכן פאר מענטשן, און פאר א ארימאן דארף מען געבן במתנה, און טאמער ער וויל נישט זאל מען איהם בארגן אפילו הונדערט מאל.

**עליה לרגל**

עס איז א מצוה ארויפצוגיין עולה רגל זיין דריי מאל א יאר, פסח שבועות און סוכות, און דעמאלטס ברענגט מען קרבנות און מ'לויבט דער באשעפער אויף אלעס.

# שאלות מיט תשובות

**א. ווען וועט דער אייבישטער געבן א ברכה, און ווען וועט דער אייבישטער געבן א קללה?**

א ברכה געבט דער אייבישטער אויב מ'וועט פאלגן וואס דער אייבישטער האט געהייסן, און א קללה וועט דער איבישטער געבן אויב מ'וועט ח"ו נישט פאלגן דעם באשעפער.

**ב. וואו האט דער אייבשיטער געגעבן די ברכה מיט די קללה?**

די ברכה אקעגן הר גריזים, און די קללה אקעגן הר עיבל.

**ג. וויפיל יאר האט געדויערט ביז מ'איז אריין אין ארץ ישראל?**

14 יאר, 7 יאר האט מען איינגענומען ארץ ישראל, און זיבן יאר האט מען צוטיילט די לאנד פאר די שבטים.

**ד. אויף וועמענס חלק האט מען געבויעט די בית המקדש?**

אויף די חלק פון שבט בנימין.

**ה. פארוואס פונקט אויף די חלק פון שבט בנימין?**

ווייל ער האט זיך נישט געבוקט פאר עשו, ווען עשו האט זיך געטראפן מיט יעקב.

**ו. וואס איז דאס א עיר הנידחת?**

א שטאט וואס אלע מענטשן דינען עבודה זרה.

**ז. וואס איז דאס תרומה? און וואס איז דאס מעשר?**

תרומה געבט מען פאר'ן כהן, און מעשר פאר'ן לוי.

**ח. און וואס איז דאס מעשר שני?**

מעשר שני טראגט מען קיין ירושלים און מ'עסט עס דארט.

**ט. וואס זענען די סימנים פון טהור'ע פיש און טהור'ע בהמות?**

ביי פיש איז די סימן "סנפיר וקשקשת", און ביי בהמות "מפרסת פרסה" און "מעלה גרה", דאס מיינט אז ס'איז צושפאלטן די פוס און ס'צוקייט די עסן.

**י. וואס איז דאס מצות הלוואה?**

די מצוה פון "הלוואה" איז אויב א מענטש האט געלט אדער א אנדערע זאך און ער קען עס אוועק בארגן פאר א צווייטן, אויב בארגט ער עס האט ער א גרויסע מצוה.

**יא. וויפיל מאל א יאר איז דא מצוה עולה רגל צו זיין?**

דריי מאל א יאר, פסח שבועות און סוכות.

**יב. וועמענס יארצייט איז פרייטיג כ"ו אב?**

די יארצייט פון רבינו יואל זי"ע.

**יג. וועלכע ספרים האט דער רבי זי"ע געשריבן?**

דברי יואל, ויואל משה, על הגאולה ועל התמורה.

**יד. וואס שטייט אין ספר ויואל משה?**

וואספארא גרויסע עבירה ס'איז אז אידן מאכן זיך אליין א לאנד.



# כז. המפשיט

מ'טאר נישט אפשינדן די הויט פון א חיה אין שבת.

אבער אראפ נעמען די הויט פון געקאכטע פלייש מעג מען יא אין שבת.



# כו. מעבד

מ'טאר נישט שבת אויסארבעטן די הויט פון די בהמה.

און אזוי אויך טאר מען נישט זאלצן די הויט פון א חיה.

די זעלבע זאך איז אויך ווייקן איגערקעס טאר מען נישט אין שבת.

# נא לגזור דף זה ולשלוח בחזרה לת"ת ביום ראשון

הורים יקרים!

נא לאשר את הפרטים דלהלן אודות בנכם שיחיו ולציין על כל דבר הציון המתאים

**בני ____________________ ני"ו**

**חומש:** ____________________

**סיפר פרשת השבוע:** ____________________

**שירים:** ____________________

**נושא השבוע:** ____________________

**ברכת המזון:** ____________________

**התנהגות כללית:** ____________________

**קר"ש שעל המיטה:** ____________________

**התפלל:** ____________________

**הערות:** ____________________

**חתימת ההורים** ____________________